WE ARE NY

# COVID-19

# באצאלטע קראנקהייט אורלויב

## ארבעטערס

ניו יארק ארבעטער זענען גאראנטירט ארבעט שיץ און פינאנציעלע פארגוטיגונג ווען זיי זענען אויסגעשטעלט צו א **געפאדערטע אדער פאראויס-שיצנדע קווראנטין/איזאלירונג באפעל** צוליב COVID-19.

### וואס ארבעטסגעבער דארפן וויסן איבער __COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב__:

אויב איר האט **10 אדער ווייניגער** ארבעטער און איר האט געהאט א **נעט איינקונפט פון ווייניגער ווי 1$ מיליאן** פאריגע יאר, דארפט איר צושטעלן פאר אייערע ארבעטער:

- גאראנטירטע ארבעט שיץ און אומבאצאלטע COVID-19 קראנקהייט אורלויב פאר די לענג פון די קווראנטין באפעל.
- פארגוטיגונג פאר די איבריגע צייט פון זייער קווראנטין דורך אייער אנגייענדע באצאלטע פאמיליע אורלויב (PFL) און דיסאביליטי בענעפיטן (DB) פאליסי ביז 2,884.62$ אלעס צוזאמען פער וואך.

אויב איר האט **10 אדער ווייניגער** ארבעטער און איר האט געהאט א **נעט איינקונפט פון מער ווי 1$ מיליאן** פאריגע יאר, דארפט איר צושטעלן פאר אייערע ארבעטער:

- **כאטש 5 טעג פון COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב** און גאראנטירטע ארבעט שיץ פאר די לענג פון די קווראנטין באפעל.
- פארגוטיגונג פאר די איבריגע צייט פון זייער קווראנטין דורך אייער אנגייענדע PFL און DB פאליסי ביז 2,884.62$ אלעס צוזאמען פער וואך.

ארבעטסגעבערס מיט **11-99** ארבעטער מוזן צושטעלן פאר זייערע ארבעטער:

- **כאטש 5 טעג פון COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב** און גאראנטירטע ארבעט שיץ פאר די לענג פון די קווראנטין באפעל.
- פארגוטיגונג פאר די איבריגע צייט פון זייער קווראנטין דורך אייער אנגייענדע PFL און DB פאליסי ביז 2,884.62$ אלעס צוזאמען פער וואך.

ארבעטסגעבערס מיט **100 אדער מער** ארבעטער מוזן צושטעלן פאר זייערע ארבעטער:

- גאראנטירטע ארבעט שיץ פאר די לענג פון די קווראנטין באפעל.
- **כאטש 14 טעג פון COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב לענגאויס די באפעל פון קווראנטין.**

אויב איר זענט א פאבליק ארבעטסגעבער (אפגעזען פון די צאל ארבעטער) מוזט איר צושטעלן:

- **כאטש 14 טעג פון COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב לענגאויס די באפעל פון קווראנטין.**

### דאס איז וואס איר דארפט טון איידער און נאך אייערע ארבעטערס ווערן קווראנטירט.

1. לאזט וויסן פאר אייערע ארבעטערס אז זיי זענען בארעכטיגט צו באצאלטע/אומבאצאלטע טאג אורלויב.
2. העלפט גלייך אייערע ארבעטערס ווי נוטיג זיך איינצוגעבן פאר PFL אדער DB.
3. אויב איר האט פראגעס, רופט די האטליין אויף **844-337-6303**.

### וויכטיגע באמערקונגען:

- **אויב אייערע ארבעטערס זענען קווראנטירט אבער קענען ארבעטן פון שטוב זענען זיי נישט בארעכטיגט פאר די בענעפיטן.**
- אויב אייער ביזנעס איז פארמאכט צוליב COVID-19, קענען אייערע ארבעטער זיך זאפארט איינגעבן פאר ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס.
- ניו יארק'ס COVID-19 קווראנטין אורלויב בענעפיטן זענען בלויז אוועילעבל דורכאויס די באפעל פון קווראנטין אדער איזאלירונג. איינמאל א מענטש איז מער נישט אויסגעשטעלט צו א באפעל פון קווראנטין אדער איזאלירונג, זענען זיי מער נישט בארעכטיגט פאר ניו יארק'ס COVID-19 קווראנטין אורלויב בענעפיטן.

### פראגעס:

- פאר מער אינפארמאציע גייט צו **paidfamilyleave.ny.gov/COVID19**
- COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב האטליין: **844-337-6303**

CD8-2Y (2/22)